העפטל 5 2 פענס

# לכבוד חנוכה

א. נ. שטענצעל.

שנת ה. תש״א. לאנדאן—ווייטשעפל

---

אין שרעק און אין גלויבן מיט די אידן אין פוילן.

## דער נס פון די ליכטלעך

ניט נאָר דאָס קריגעלע, דאָס געחתמטע,
פון כהן־גדול דאָס געפונענע,
אין זכרון, אין טויזנט־יאָריקן,
טראָפּנוויז שוין באַלד אויסגערונענע,—

די ליכטעלעך, די דינינקע וואַקסענע,—
אַכט שוין פאַר אַן איינאיינציקן גראָשן! —
אַז זייערע צאַנקנדיקע פלעמלעך
זיינען נאָך נישט געוואָרן אויסגעלאָשן,

דאָס־אַ איז דער נס, דער געוואַלטיקער גרויסער,
וואָס מיר זעען אים מיט אייגענע אויגן!
ווי אַ צייכן לייכטן זיי איבער אונז
ווי דער אָנגעצינדענער רעגן־בויגן:

אַז קיינמאָל אונזער לעבן וועט נישט אויסגיין,
קיינמאָל נישט ס׳וועט אויסגעלאָשן ווערן!
ווי צוגעגאָסענער אייל אויף קנייטל,
אַזוי אונזערע פאַרגאָסענע טרערן —

מיר צאַנקן נאָר ציטערדיק אויף מיט זיי,
ווי פלעמלעך ליכטיקער אויפצעברענען!
אָ, און מיט אונזער בלוט פאַרגאָסענעם —
וויטער און שטאַרקער לעבן צו קענען!

נישט נאָר דאָס קריגעלע, דאָס געחתמעטע,
פון כהן־גדול דאָס געפונענע —
דער נס פון אונזער געבליבענעם בלוט,
אין דער גאַנצער וועלט שוין צערונענע. — — —

## אין חנוכה נעכט

קיינמאָל נישט, קיינמאָל נישט אויסגעלאָשן צו ווערן,
איבער שבעה ימים טראָגט מען מיט אַזוינע נעכט —
לאַמטערן אַזעלכענע, אָנגעצונדענע,
מיט פריידן אַזוינע, וווּנדערלעכע און אַזוי עכט.

זיינען דאָס די קלינגענדיקע, די שליטן־גלעקלעך
איןביידע קעשענעס דאָס ביסל חנוכה געלד ?
אָדער דאָס פאַרשנייטע קלויסטערל, דאָס צעקלינגטע,
אין ווייסן־בייזן, אין שרעקעדיקן „שמירטש" פאַרשטעלט ?

פון אייגענעם מויל פאַרשוויגן און אָפּגעשפּאַרט,
און אין פינסטערן האַרץ אַ טראָפּעלע פרייד
און ס׳זעטיקט אַזוי און ס׳לייכט ליכטיק אַזוי,
מיט נאָנט און מיט ווייט און מיט אַלער־אייביקייט —
— — — — — — — — — — — — — — —
ס׳זיינען די מאַמעס אויערינגלעך די גין־גאָלדענע,
זיי קלינגען דאָס אין די אויערן אַזוי ליכטיק העל !
ווי אין אַ געשניצטן ראַמען זי וואָלט געשטאַנען
איז דאָס באַלויכטענע ביישטידל און געשייערטע שוועל —

טאַקע עפּעס אַ מלאך נאָר, אַ באַוויזענער,
שטייט די מאַמע ביים אויוון אין יום־טובדיקער שאַרץ,
און פון איר שיינענדיקן, פון איר צעפלאַמטן פּנים,
ס׳צינט זיך אָן אין טויזנט ליכטיקייט דאָס האַרץ.

אָ, און דאָס ווייסע טישטעך איבערן גאַנצן טיש,
פאַר אַלע מענטשן איז עס געדעקט און אַזוי גרויס !
דאָס טראָפּעלע פרייד פון אייגענעם האַרץ אָפּגעשפּאַרט,
פון אַלע טונקעלע ווינקלען שיינט עס ליכטיק אַרויס.

קיינמאָל נישט, קיינמאָל נישט אויסגעלאָשן צו ווערן,
איבער שבעה ימים טראָגט מען מיט אַזוינע נעכט,
זיי לייכטן איבער מיט טויזנט שיינען, מיט הייליקע
אַלצדינק וואָס איז בייז און פינסטער און וואָס ס׳איז שלעכט.



## מיין טאַטנס מנורה (א חנוכה־מתנה פאַר מעקסוועל)

אין דער זילבערנער מנורה פון מיין טאַטן
האָט געפעלט דאָס שרייפל אין לעצטן רערל,
ווען ער פלעגט אַריינגיסן דערין דעם בוימל,
האָט עס געוואַקלט מיט אַ הענגענדיק טרערל.

מיטן „מעוז צור" האָט עס מיטגעזינגען,
זיך מיטגעשאָקלט, שיקלדיק אין אַ זייטל ;
פריידיק אַזוי ווי מיט צוויי פינגער צוגעקנאַקט,
מיט׳ן אויפגעקאָפּטשעטן טרערנדיקן קנייטל.

נישט די גאָלדענע לייבן, די פעסט צוגעשרויפטע,
נישט דאָס פייגעלע אויפן הענגענדיקן רייפל,
תמיד ווען ס׳דערמאָנט זיך אין טאַטנס מנורה,
דערמאָן איך מיך אינם פאַרלוירענעם שרייפל —

ווי אַ טראָפּ בוימל אויף וואַסער שווימט עס אַרויף,
און בלייבט ציטערדיק הענגען אין מיינע וויעס,
און עפּעס זינגט עס אין מיר מיט, ווי צו „מעוז צור",
און ווי קאָפּטשעדיק ציטערן אויף מיינע תּנועות.

## מיין מאמען אין דער היים

קיין פעדעמל פלייש נישט, קיין רעפטל ברויט נישט,
נאָר אין קעלער אַ קאַרטאָפעלע ס׳איז נאָך פאַראַן,
ציטערט עס אַזוי אין די געפרוירענע דיינע הענט,
ווי אין מדבר ביים נס פונם געפונענעם מן.

שיילסט דו עס אַזוי נאָך דינינקער ווי דין,
און אין טעפּל אַריין פאַלט עס צעזאַם מיט אַ טרער —
טויזנט טעמים דאָס קאַרטאָפעלע דיינס פאַרמאָגט,
אַז דאָס ביסעלע זאַלץ דאַצו פעלט אויך שוין נישט מער.

קיין קוילן זיינען נישטאָ, קיין שייט האָלץ נישט צומאָל,
איז דאָס הייפעלע קאַרטאָפל־שאָלעכץ אונטערגעלייגט !
שאַ — — שטיל — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — הערט מען דאָס בולבולדיקע קאָכן שוין,
אָדער ווערט אַן אור־אייניקל דיינס איצט אָנגעזייגט ?

און אַז די זילבערנע לייכטער זיינען צוגענומען,
איז פון אַזאַ קאַרטאָפּעלע אויך אַ לייכטערל געמאַכט !
און אינם ציטער איבער די פינסטערע פיר ווענט
איז דיין קאָפּ פון הייליקע מלאכים ליכטיק באַוואַכט.

## זאת חנוכה

דעם טאַטנס זילבערנע געשמידטע חנוכה־לעמפּל,
וואָס אין ספרים־שייבן־שענקל ס׳איז געשטאַנען,
באַשיצט פון גאָלדענע צוויי לייבן, אויסגעהאַמערטע,
דאָס חנוכה־לעמפּל ס׳איז מער נישט פאַראַנען —

פאַרשוועכט איז געוואָרן מיין טאַטנס הויז, צעשטערט,
אַלצדינג וואָס געוועזן האָבן רויבער צוגענומען !
וואָלט איך וועניקסטנס דאָס איינציקע איצט נאָר געוואוסט,
וואו מיין אַלטע שוואַכע מאַמע איז אַהינגעקומען.

ביז דאָ אַהער, אין מיין שטיבל, אַזוי פאַרפינסטערט,
פול נשמה־ליכטלעך, ס׳באַלויכטענע ביישטידל — —
טאָ ווי אַזוי דאָס האַרץ אַצינד יינגליש צעזינגען
מיט דעם האָפערדיקן מעוז־צור׳דיקן לידל —

זאת חנוכה, טאַטע צינדט אָן דאָס אַכטע קנויטל,
אַרום אים אַרומגעשטעלט מיר שטייען אַלע צוזאַמען,
אָט־אָט וועט עפּעס אַ געוואַלטיק וואונדער געשען — —
ווי די אויפגערויכערטע לייבן־גריוועס פלאַמען !

מיט זייערע שטאַרקע לאַפּעס גרייטן זיך צו וואַרפן
די צוויי אויסגעהאַמערטע גליענדיקע לייבן — —
ווי זיי האָבן דאָס פון די אַכט פלעמלעך אַרויסגעלויכטן,
אַלע בייזע שונאים פון אונזער הויז צו פאַרטרייבן — —

— — — — — — — — — — — — — — —

צעשטערט איז געוואָרן אונזער היים, אַלצדינק צערויבט,
וויפיל געמאָרדעטע, אין שאַנד און שמאַך אומגעקומען !
אָ, וואָלט איך געקאָנט איצט, ווי אַ פאַרוואונדעטער לייב,
אין מיין בייזן צער ווילד־פאַרפינסטערט אויפברומען.

אַז אויפגעציטערט זאָל ווערן דער גאַנצער ערד־קיילעך,
די שטערן אין הימל פאַרלאָשן זאָלן ווערן — — —
אָ, ווי מיין טאַטע אין זיין תפילהדיקער פרייד,
מיט האָפערדיק פאַרגלייזטע אויגן, פולע מיט טרערן —

ווי וואונדערלעך הייליק, ווי התלהבותדיק צעפלאַמט,
אַן אָנגעצונדן נס, אַ צעפלאַקערטער געשטאַנען !
און ווי אַ געפאַנגען־פאַרוואונדעטער לייב אין שטייג,
ווען ער האָט זינגענדיק איבער שטוב געגומען שפּאַנען —

— — — — — — — — — — — — — — —

אָ, דאָס וואָס פון ספרים־שייבן־שענקל ס׳האָט אַרויסגעקוקט
דאָס קאָן פון קיין רויבער־האַנד נישט ווערן צוגענומען !
וואָלט איך דאָס איינציקע נאָך אַצינד געקאָנט וויסן,
ווו מיין אַלטע שוואַכע מאַמע איז אַהינגעקומען.



## דאס דריידערל

דאָס חנוכה־לעמפּל פון שייבן־שענקל אַרויס,
פון דער וואַנט אַראָפּ די צינערנע שיסלען,
די קופּערנע ראָנדלען, די מעשענע העסעס,
צומאָל פון די טירן אַרויס די אייזערנע שליסלען —

אויסגעליידיקטע, פאַרוויסטע זיינען די שטיבער !
און די מענטשן נישט אַלע לעבעדיקע געבליבן !
ווער פון אַ בלינדער קויל, ווער פון בלינדער שנאה,
און ווער צו לעבעדיקע ליידן ערגעץ פאַרטריבן.

ווי דער לאָמפּ אויפן טיש, ווי דער גליאיקער אויוון,
אויסגעלאָשן אַזוי די פרייד אינם שוואַרץ־אַפּל ;
און דער פונק אינם האַרצן, ליכטיק אויפגעפלאַקערט,
איז ווי אויפציטער פון אַ לעצטן גסיסה־צאַפּל.

דאָס צוגעקלעפּטע אויף פענסטער, דאָס חנוכה־ליכטל —
אַ צאַנקענדיק נשמה־פלעמל נאָך אַ נאָנטן טויטן ;
און דאָס דערמאָנען זיך פון אַמאָל, פון געוועזן,
גייט ווי אַ שוידער־גערינצל איבער אַלעמענס הויטן —

אַז מיט ביסל מענטשלעכע כחות דאָס מ׳קאָן אויסהאַלטן,
אַז מ׳גייט נישט אַראָפּ, חלילה, פון זינען — —
אַז די רשעות פון מענטשן קאָן זיין אַזוי גרויס !
אָ, דאָס בלוט אין די אָדערן ס׳ווערט אַזש גערינען —

— — — — — — — — — — — — — — —

נאָר די אַלטעטשקע גראָע, די אַכציק־יאָריקע,
מיט די ליכט־בענטשן שמייכלען אין די ליפּן־פאַלדן,
מיט איר זילבערנעם בליק דורך אירע שפּאַקולן,
ווי ווינטער־זון איבער אייזיקן טייך, אים צו צעשפּאַלטן :

ניין, די שבתדיקע לייכטער, די גאָלדענע מנורה,
זי האָט נישט געקאָנט אין איר קניפּל זיי באַהאַלטן ;
פון איר פינגער אַראָפּ ווי מ׳האָט דאָס אַראָפּגעריסן
ס׳קדושן־רינגל, דאָס באַקומענע פון איר אַלטן !

זיי מוז גאָט אַליין שוין, אַלמעכטיקער דערבאַרעמדיקער,
ווי זייערע לעבנס איצט באַהיטן און באַשיצן — —
אָבער פאַר אירע אייניקלעך דאָס בלייערנע דריידל,
אַז זייערע אייגעלעך זאָלן וווּנדערלעך אויפבליצן!

יאָ, אַ דרעענדערל ס'איז דאָס לעבן, ס'דרייט זיך און דרייט זיך,
דער אָבער געווינט, ווער ס'טוט זיין גלויבן נישט פאַרלירן;
אָ, ווי פינסטער וואָלטן געווען אַלע אונזערע טעג,
ווען ס'וואָלטן נישט געטון נסים מיט אונז פאַסירן. —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און פון איר קניפּל אַרויס, פון ציטער פון אירע פינגער,
ווי די גאַנצע שטוב וואָלט צו דרייען זיך אָנגעהויבן,
שטייט דאָס דריידערל „שמונה־עשרה" שוין אויפן טיש:
„ביין, קינדערלעך, נישט אַלצדינג קאָנען רויבער צערויבן!

פון שטוב אַרויס, פון שאַנק אַרויס, ס'לעבן פון לייב אַרויס,
אָבער נישט וואָס פאַרבאָרגן אין אַ האַרץ, אין אַן אַלטן" — —
און אין די אייגעלעך פון די אייניקלעך צינדט עס זיך אָן,
פון די ליכט־בענטשן שמייכלען אַרום די ליפּן־פאַלטן,

ווי אין זילבערנע לייכטער אויף אַ טיש, אַ געדעקטן,
ווי אין אַ בלישטשענדיקן הענגלייכטער פון באַלטן אויבן — — —
ניין, נישט אויסגעליידיקט מער, נישט וויסט ס'איז די שטוב,
זי איז פול מיט אַזאַ האָפערדיק ליכטיקן גלויבן.



# אַ משיח באַלאַדע

פון די הרוגים אַרויס, פון די קופּעס מתים
ס'וועט אויפשטיין איינער, אַ געהענגטער־געקעפּטער,
די האַק איבער דער פּעטלע — די בלינקענדיקע קרוין!
און די תליה — זי וועט דאָס זיין זיין סצעפּטער.

און אין דער צווייטער האַנט, דער לינקער, די „קוגעל" —
דער כדור־הארץ־קיילעך, דער גאַנצער!
מיט אַלע קלעפּ, מיט אַלע פויסטן איבער זיין לייב
ס'איז אויסגעהעמערט זיין גאָלדענער פּאַנצער.

זיין מאַנטל, זיין פּורפּערדיק געוועבטער,
פון לעבנס, פאַרבלוטיקטע, נישט דערלעבטע,
דער ווייסער הערמעלין איבער זיינע פּלייצעס —
נשמות אונשולדיק־אומגעקומענע, אויפגעשוועבטע.

אַ געזאַלבטער אין אייגענעם פאַרגאָסענעם בלוט,
זידיק־טריפנדיק פון אַלע זיינע גלידער;
די אָפּגעהאַקטע קעפּ צו זיינע פיס,
זיי זיינען דאָס געפאַלן פאַר אים אַנידער:

„דערלייזער אונזערער, הייליק געזאַלבטער,
די גאנצע, גאַנצע וועלט מיט דיר צו דערלייזן,
מאַיעסטעטיש אַזוי, הימליש, משיחיש,
איבער שלעכטס פון דער ערד אַריבערצושפּרייזן".

און די קופּעס מתים, די הרוגים אַרום,
בחנם געקוילעטע, געשאָכטן און דערשטאָכן,
שורה נאָך שורה זיי וועלן אויפשטייען,
מיטצושפּרייזן מיט אים צום לעצטן נצחון — — —

וואָסער שרעק ס'וועט דאָס פאַלן איבער דער וועלט,
איבער אַלע מענטשן דעמאָלט דער געוואַלטיקער ציטער,
פון עק וועלט ביז עק וועלט ס'וועט זיך ציען דער גאַנג;
יעטוועדער טראָט — אַ דונער אין אַ געוויטער!

דאָס זיג־זאַגעדיקע פונם ציענדיקן וועג —
אינם שטורעם דאָס כסדרדיקע אויפבליצן!
און דאָס בלענקן פון דער בלאַנקער האַק אין דער קרוין —
דער רעגנבויגן־צייכן, די מענטשן צו באַשיצן.

וואָסער פרייד ס׳וועט דאָס פאַלן איבער דער ערד,
אויפגעלויכטן פון אַלעמענס באַגליקטע בליקן — — —
אַלע דערנידריקטע, אַלע באַליידיקטע,
אין די לעבנס שטויבן שוין צו דערשטיקן,

אַלע געטראָטענע, אַלע פאַרקומענע,
אין פינסטערע תהומות שוין טיף אַריינגעפאַלן — —
אָ, די האָפערדיקע פריידן זייערע דעמאָלט,
אין דער ליכטיקער הייליקייט מיט אויפצושטראַלן — —

— — — — — — — — — — — — — — —

אויף די פאַרשעמטע פנימער ליגן וועלן די רוצחים,
מורא האָבנדיק די אויגן זייערע אויפצוהויבן:
אַז דאָס־אָ, מיט זייערע הענט זיי האָבן געטאָן,
דעם דערלייזער געזאַלבט מיט אייביקן גלויבן;

אַז דאָס־אָ, מיט זייערע רוצחישע הענט,
מיט זייערע העק, זייערע פעטלעס און תליות,
זיי האָבן די גינגאָלדענע קרוין אים אָנגעטאָן —
ווי זי בלינקט דאָס דורך זייערע פאַרמאַכטע וויעס!—

אַז דאָס־אָ, מיט זייערע בלוטיקע הענט,
דעם פורפער־מאַנטל געהילט אַרום זיינע גלידער,
און די יללות און די געשרייען פון דעמאָלט —
אינם נצחון־גאַנג איצט די האָפערדיקע לידער — — —

פון עק וועלט ביז עק וועלט די ציענדיקע פרייד,
פון אַלע זייטן קומען אָן פרישע באַגלייטער!
ס׳ציט זיך דער לעצטער נצחון־גאַנג, דער דערלייזטער,
אַלץ ווייטער און ברייטער און אויסגעשפרייטער.

און נישט רוצח מער און נישט מער געמאָרדעטער, —
נישט נידעריקער שקלאַף, נישט הערשער געבייזער;
אָ, אַז אַזוי־אָ ס׳מוז קומען די גאולה פון מענטש,
אַז מיט אייגענעם בלוט געזאַלבט ס׳ווערט דער דערלייזער